## קנעלער, [?]

דער היסטאָריקער פון ייִדישן טעאַטער ב. גאָרין שרייבט: „דאָס וואָס י. י. לערנער האָט זיך געוואָנדן צו שמ״ר־שייקעוויטש, אַז ער זאָל פאַר זיין טרופּע דראַמאַטיזירן זיינע ראָמאַנען, האָט אַריינגעגעבן שייקעוויטשן אַ געדאַנק, אַז ער זאָל אַליין ווערן אַן אַנטרעפּעניאָר.2 פון קיין אַקטיאָרן איז שוין דעמאָלט קיין מניעה ניט געווען און אַ פּלאַץ צום שפּילן האָט מען געקאָנט געפינען אין יעדער שטאָט. דער עיקר איז געווען פּיעסן, און אַ פּאַרפאַסער, וואָס האָט געקאָנט צוזאַמענשטעלן אַ קליינעם רעפּערטואַר, האָט גרינג געקאָנט ווערן אַ דירעקטאָר. שמ״ר האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָמפּאַניע, וואָס איז באַשטאַנען פון ...קנעלער״.

מער ווערט ק. אין ערגעץ ניט דערמאָנט.

ב. גאָרין — „געשיכטע פון אידישען טעאַטער״, ניו־יאָרק, 1929. ערשטער באַנד, ז. 234.

## ביעראַזקין, מרדכי

קוים 16 יאָר אַלט, איז ב. אַריינגעטראָטן לערנען אין דער סטודיע פון ייִדישן מלוכה־טעאַטער אין ווייס־רוסלאַנד. גאָר גיך האָבן די אָנפירער און פּעדאַגאָגן פון דער דאָזיקער ייִדישער דראַמאַטישער שול דערקענט, אַז דער יונגער שילער פאַרמאָגט אַ סך טאַלענט און גרויסע אַקטיאָרישע מעגלעכקייטן מיט וועלכע ער וועט באַרייכערן די ייִדישע בינע.

נאָכן ענדיקן די טעאַטער־סטודיע, איז ב. אַריין אין ייִדישן מלוכה־טעאַטער אין מינסק, ווו ער האָט זיך שנעל אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט צווישן די פירנדיקע בינע־קינסטלער. אַזוי האָט ער געשפּילט די הויפּט־ראָל פון שמואל האַלקינס „בר כוכבא״, „מאָטל״ אין שלום־עליכמס „2000,000״ און „יוסף״ אין שמואל האַלקינס „שפּילפויגל״ און אַ סך אַנדערע גאָר וויכטיקע ראָלן.

ווען די נאַציס האָבן פאַרפירט די מלחמה מיט ראַטנפאַרבאַנד, האָט ב. זיך באַלד געמאָלדן אַלס פרייוויליקער אויפן פראָנט. צוריקגעקומען איז ער מיט אַ שווערע ווונד און ניט געקוקט דערויף ;:יז ע׳ד ווייטער געווען אַקטיוו אין זיין פּראָפעסיע.

אין יולי 1966 איז ב. פּלוצלינג געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע אין וויטעבסק.

נעקראָלאָג אין „פאָלקסשטימע״, וואַרשע, 2 אויגוסט 1966.

## קאָרנפעלד, לעאָן

באַשרייבט אין זיין לעבנס־געשיכטע, צוגעשיקט צום „לעקסיקאָן פון ייִדישן טעאַטער״, די געשיכטע פון ייִדיש טעאַטער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, טערקיי, ווו ער האָט געלעבט. ער געדענקט, אַז ווען ער איז געווען 10 יאָר אַלט, איז קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געקומען פּראָפעסאָר הורוויץ און געשפּילט מיט אַ קליינער גרופּע ליבהאָבער אין דער גאַלאַטאַגעגנט, אין אַ קאַפע־הויז, וואָס האָט אַריינגענומען בערך 100 ביז 120 פּערזאָן, אָן אַ בינע, אָן געהעריקע דעקאָראַציעס. זיי האָבן אויפגעפירט „דאָן יצחק אַבאַרבאַנעל״, און געמאַכט אַזעלכע שלעכטע געשעפטן, אַז הורוויץ האָט פּשוט געהונגערט. ווען ק. איז אַלט גווען 15 יאָר, איז געקומען



אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל קלמן יאָליוער מיט אַ טרופּע פון בערך 12 פּערזאָן (יאָווילער, רויך, פרידמאַן און פרוי, ליאַנסקי, מאָטל גאָלדרינג, ראָזע פרידמאַן) און אויפגעפירט גאָלדפאַדנס „בר כוכבא״ „שולמית״, „די כשופמאַכערין״, „דאָס קאַפּריזע טעכטערל״, שייקעוויטשעס „קאָקעטן־דאַמע״, „דאָן יצחק אַבאַרבאַנעל״, „דער יאַריד אין הימל״ א׳אַ. די טרופּע האָט געמאַכט זייער גוטע געשעפטן. ק. איז דאָרט געווען בלויז אַ סטאַטיסט. די טרופּע האָט געשפּילט בערך 7 וואָכן צו 4 מאָל אַ וואָך, ווייל דער גרעסטער טייל ייִדן זיינען געווען ספרדישע, וואָס האָבן קיין ייִדיש ניט פאַרשטאַנען. געבליבן פון דער טרופּע זיינען נאָר 4 פּערזאָן, וועלכע האָבן גענומען אויפשריפטן ווי אַ קוואַרטעט.

ק. פאָרט אָפּ קיין רומעניע, ווו ער פאַרהאַלט זיך 4 יאָר און ווערט צוריקגערופן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל פון זיין פעטער ביי וועמען ער ווערט אַ בוכהאַלטער אין זיין קליידער־געשעפט. דערווייל הייבט זיך אָן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַ גרעסערע אימיגראַציע פון רומענישע ייִדן. ק. הייראַט מיט אַ טאָכטער פון אַ רוסישן י.ד, וועלכע האָט אַ שיינע שטימע, און ער רעדט זי צו אויפטרעטן מיט אים אין „די באָבע מיטן איניקל״ פון גאָלפאַדן פאַר אַ וווילטעטיקן צוועק. דאָס טשיק נעמט זייער אויס. דערנאָך (אין אַ וווילטעטיקן טעאַטער „קאָנקאָרדיאַ״) פירן זיי אויף, אויך פאַר אַ וווילטעטיקן צוועק, גאָלדפאַדנס „די קאַפּריזנע טאָכטער״, אָנגעבנדיק אויץ די אַפישן „דירעקציאָן — לעאָן קאָרנפעלד), דערנאָך „קאָלדוניע״ (מיט ק. אַלס „די באָבע יאַכנע״), שליפערשטיינס „דאָראַ״ און לאַטיינערס „דודס פידעלע״. ק. הייבט אָן פאַרנאַכלעסיקן דאָס געשעפט און זיך אָפּגעבן בלויז מיט טעאַטער.

דאָ קומט פון פאַריז אַ ייִדישע טרופּע אונטער דער אָנפירונג פון געליס (געליס, פרוי און טאָכטער, יאָסעלע גראָפּער, לע־ער א.אַ.) וועלכע האָבן געשפּילט אַ חודש צייט „מישקע און מאָשקע״, „דאָראַ״, „דער בעל־תשובה״. ק. צייט זיך צוריק פון טעאַטער, עפנט אַ שניידער־געשעפט, קערט זיך אָבער צוריק צו די פאָרשטעלונגען מיט די ליבהאָבער, פירט מיט זיי אויף „דער ייִדישער פריץ״ פון שייקעוויטש, אין וואָס עס באַטייליקט זיך אויך די צוריקגעקומענע ראָזע פרידמאַן (גאָלדפאַדנס „פריינדעלע קאָזאַק״) וועלכע שפּילט מיט זיי 8 חדשים אין פאַרשיידענע פּיעסן. דאָ קומט פון רומעניע אַהרן ראָזענבלום מיט אַ טרופּע פון בערך 25 פּערזאָן (ראָזענבלום, זיין פרוי, זייער טאָכטער ליזאָ [שפּעטער זילבערט], שראַגע, וויינשטאָק און פרוי, אַ כאָר פון 14 פּערזאָן). ק. ווערט אַ שותּף צו דער דירעקציע. נאָכן שפּילן 3 חדשים, קומט אָן סאַלאָמאָן קרויזע מיט אַ טרופּע פון 30 פּערזאָן (קרויזע, זיין פרוי קרויזע־מילער, אהרן לעבעדעוו, דראַנאָוו, בודקין און פרוי). אויסער אַפּערעטן האָט די טרופּע אין אַ משך פון 3 חדשים אויך געשפּילט גאָרדינס פּיעסן. 2 יאָר איז דערנאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל געבליבן אָן אַ ייִדיש טעאַטער. ק. קריגט דאַן אַ פאָרשלאָג פון אַברהם פּישזאָן צו קומען מיט אַ טרופּע פון 65 פּערזאָן, אָבער ק. ווייזט אים אויף, אַז די טרופּע איז צו גרויס. ווידער קומט ראָזענבלום מיט זיין טרופּע, צווישן זיי אויך זיין איידעם יעקב זילבערט, וועלכער טרעט אויף אין „עקדת יצחק״. דערווייל קומט אָן נאָך אַ ייִדישע טרופּע, און ביידע פאַראייניקן זיך. נאָכן שפּילן דריי חדשים וואָס ק. איז געווען דער אַדמיניסטראַטאָר, קומט ווידער צוריק קרויזע מיט אַ טרופּע (מיט זיין נייער פרוי מרים גורעוויטש), לעבעדעוו, די בודקינס און אַנדערע), וועלכע שטעלט אויך „כאַסיע די יתומה״ און „דבורהלע מיוחסת״ (מיט קאָרנפעלד אַלס